בס"ד
שבת מברכים טבת | ר"ח יום רביעי | המולד ליל רביעי 20:01 | 3 חלק'
שבת מברכים

# דער בלעטל טיב הקהילה

## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

שבת חנוכה
**וישב**
כ"ז כסלו תשפ"ד

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:00 |
| מוצש"ק | 5:15 |
| ר"ת | 5:52 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:11 | סוז"ת א' | 9:18 |
| סוזק"ש ב' | 8:59 | סוז"ת ב' | 9:50 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס': נ"ח
שנה ב'

## טיב הפרשה

# תורה-אור

## ווער עס פלאגט זיך בעסק התורה אום שבת חנוכה דער איז זוכה צו א גרויסן ליכטיגקייט אין די תורה

---

### אום חנוכה ווערן געעפנט די טויערן פון די תורה

רבותינו זכרונם לברכה האבן אונז מגלה געווען, אז די מצוה פון נר חנוכה איז מסוגל צו ברענגען דעם מענטש אז ער זאל זוכה זיין צו תורה, אויף אזוי ווייט אז די מעיינות החכמה ווערן געעפנט פאר אים, און פון יעצט וועט יעדער איינער קענען האבן דעם כח צו משיג זיין השגות אין די תורה, אויך אין אזעלכע ענינים וועלכע זענען ביז יעצט געווען פאר אים ווי א פארמאכטער און פארהוילענער זאך.

דער מקור דערצו איז פון די ווערטער פון די גמרא (שבת כג:), "אמר רב הונא, הרגיל בנר הויין ליה בנים תלמידי חכמים". און די ראשונים ערקלערן (שם), אז די ווערטער פון רב הונא איז מיוסד אויפן פסוק אין משלי (ו, כג) "כִּי נֵר מִצְוָה וְתוֹרָה אוֹר", דאס הייסט, אז דורכן 'נר מצוה' וואס דאס איז נר חנוכה, איז מען זוכה צו 'תורה אור' – אז די אויגן זאלן לייכטן אין די תורה פונעם אויבערשטן. און אויב זאגן חז"ל אז די זכות פון די מצוה וועט העלפן אז זיינע קינדער זאלן זיין תלמידי חכמים, איז דאך אוודאי און אוודאי אז עס וועט העלפן פארן מענטש אליין, אז די מצוה איז מסוגל צו באלייכטן זיינע אויגן אין די תורה הקדושה.

צוליב דעם טעם פלעגט הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' מגור זי"ע – הייסן גלייכן נאכן צינדן די חנוכה ליכט, אז די וועלכע געפינען זיך דארט, זאלן זיך שוין זעצן לערנען, ערקלערנדיג 'כי נר מצוה ותורה אור', אז דורך די מצוה פון חנוכה ליכט, וועלכע באלייכט די גאנצע וועלט, וועט אוודאי באלויכטן ווערן די אויגן פון די וואס לערנען די תורה הקדושה.

און וועלנדיג מדגיש זיין דעם געוואלדיגן כח וואס די מצוה פון נר חנוכה פארמאגט, צו משפיע זיין און עפענען די טויערן פון חכמה, פלעג ער דערציילן אויף הרה"ק דער קאזשניצער מגיד זי"ע, אז ער האט אמאל געפרעגט פאר איינעם פון זיינע מקורבים, אויב נאכן דאווענען זעצט ער זיך לערנען א סוגיא, וואס איז אים שווער געווען צו פארשטיין פארן דאווענען. און ער האט אים ערקלערט, אז ער האט דאך יעצט ביים דאווענען געבעטן דעם אויבערשטן 'אתה חונן לאדם דעת ומלמד לאנוש בינה' – אז די טויערן

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

### וַיִּגְעַר בּוֹ אָבִיו

א משפחה באגעגעניש איז א וואונדערליכע זאך. עס איז זייער באַטעמ'ט זיך צו טרעפן מיט די קרובים איינמאל אין א שטיק צייט, און זיך באגעגענען מיט די נאנטערע און ווייטערע קרובים, און זיך אינטערעסירט וואס דער מאכט און וויאזוי יענער פילט זיך. אבער צומאל ווערט אזא באגעגעניש פארוואנדלט צו א באגעגעניש פון רכילות, אדער עס טוט צוברענגען מחלוקת, ווען עס קומט ארויף א טעמע אין וועלכע נישט יעדער איינער האט דעם זעלבן מיינונג, און ווען א טייל פון די משתתפים האלטן אנדערש, ווערט א מחלוקת, און דערנאך בלייבט מען מיט א שלעכטע הארץ אויף די אנדערע וואס האבן אנטייל גענומען אינעם שמועס.

אין אונזער פרשה זעען מיר א געוואלדיגן לימוד אין דעם ענין. יוסף הצדיק האט גע'חלומ'ט א חלום, 'וַיְסַפֵּר אֶל אָבִיו וְאֶל אֶחָיו', און רש"י ערקלערט אז נאכדעם וואס ער האט עס דערציילט צו זיינע ברידער, האט ער עס נאכאמאל דערציילט צו זיין טאטע אין פארנט פון זיי, האט אים יעקב אנגעשריגן, דערפאר וואס ער האט גורם געווען אז זיי זאלן אים פיינט האבן. דאס הייסט, אז כאטש יעקב אבינו האט געגלייבט אז דער חלום איז ריכטיג, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'וְאָבִיו שָׁמַר אֶת הַדָּבָר', און אזוי ווי רש"י ערקלערט דארט 'הָיָה מַמְתִּין וּמְצַפֶּה מָתַי יָבֹא', ער האט געווארט און געהאפט, ווען וועט עס שוין געשען – פונדעסטוועגן האט יעקב אויסגע'מוסר'ט יוסף, זאגנדיג, פארוואס ביסטו גורם אז מען זאל דיר פיינט האבן? 'הֲבוֹא נָבוֹא אֲנִי וְאִמְּךָ'. און מיט די ווערטער האט יעקב אבינו געוואלט ווייזן אז ער גלייבט נישט דעם חלום, וויבאלד עס שטימט נישט לויטן מציאות, און דערמיט האט ער געוואלט אראפנעמען די שנאה פון די ברידער צו יוסף.

פון דא דארפן מיר זיך אלע ארויסלערנען פון יעקב אבינו, אז ווען מיר זיצן צוזאמען מיט נאך מענטשן, זאלן מיר שטארק אכטונג געבן, נישט ארויפצוברענגען טעמעס אין וועלכע עס זענען דא מיינונגס פארשידנהייטן. עס זענען דא גענוג טעמעס אין וועלכע עס זענען נישטא קיין חילוקי דעות, וואס מען קען רואיג שמועסן, ווייל מיר זעען דאך וואס עס זענען געווען די רעזולטאטן פון די מעשה פון מכירת יוסף (טראצדעם וואס מיר פארשטייען אוודאי נישט דאס מינדעסטע אין די קדושה פון די הייליגע שבטי קָהּ), און דאס אראפנידערן קיין מצרים און דאס שעבוד וואס איז געקומען דורכדעם.

פון דעם זעען מיר, אז יעדן דיבור האט רעזולטאטן, און אויב קען מען נישט שטיין אין די רעזולטאטן, זאל מען פשוט נישט רעדן!

(עפ"י טיב התורה - וישב)

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א – אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

טיב ההודעות

זמנים אויף
קבלת קהל און שיחות
0534-100024

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

פון דעת זאל זיך אים עפענען, צו פארשטיין די תורה הקדושה. איז דאך פשוט אז נאכן דאווענען קען מען פארשטיין אויך אזעלכע זאכן וואס פארן דאווענען איז אים שווער געווען צו פארשטיין. און דער הייליגער חידושי הרי"ם האט צוגעלייגט, אז דער זעלבער זאך איז אויך ביי די חנוכה ליכט, אז גלייך נאכן מקיים זיין דעם 'נר מצוה', טוט דער 'אור תורה' מער לייכטן אויפן מענטש.

די געוואלדיגע מעלה פון תורה לערנען אום שבת חנוכה

עס זענען באוואוסט די ווערטער וואס דער הייליגער 'בן איש חי' שרייבט בשם די מקובלים (בן איש חי ריש פרשת שמות), אז יעדע שעה פון לימוד התורה אום שבת קודש איז ווערד אזוי ווי טויזנט שעה פון תורה אינדערוואכן.

קומט אויס דערפון, אז אום שבת חנוכה, ווען מיר האבן צוויי געוואלדיגע כוחות אין די תורה, פון איין זייט האבן מיר דעם כח התורה וואס איז פארהאנען יעדן שבת קודש, אזוי ווי מיר געפינען אין די אויבנדערמאנטע ווערטער פונעם הייליגן 'בן איש חי', און פון די אנדערע זייט האבן מיר אויך דעם כח המצוה פון חנוכה ליכט, וואס טוט באלייכטן אונזערע אויגן אין די תורה הקדושה אן קיין שיעור, און עפנט פאר אונז די טויערן פון חכמה.

דעריבער, לאמיר חלילה נישט זיין אזוי ווי דער שוטה וועלכער פארלירט דאס וואס מען געבט אים, נאר לאמיר אויסנוצן יעדן רגע וואס מיר האבן – אין די טעג פון חנוכה בכלל, און אום שבת חנוכה בפרט – כדי עוסק צו זיין אין די הייליגע תורה, און דורכדעם וועלן מיר אויפווייזן און אנטפלעקן דעם נצחון פון אידישע קינדער איבער די יוונים, וועמענס גאנצער רצון איז נאר געווען 'להשכיחם תורתך', און דורכדעם וואס מיר וועלן זיך פלאגן אין די תורה אין אט די טעג, וועט נתגלה ווערן ביתר שאת וביתר עוז, אז נֵצַח יִשְׂרָאֵל לֹא יְשַׁקֵּר, און אידישע קינדער זענען עוסק טעג און נעכט אינעם תּוֹרַת ה' תְּמִימָה.

## הָרָגִיל בְּנֵר חֲנֻכָּה וְנֵר שַׁבָּת

אויך איז פאסיג צו צוגעבן, אז עטליכע פון די ראשונים האבן מפרש געווען די ווערטער פון די גמרא "הרגיל בנר הויין ליה בנים תלמידי חכמים", אז עס גייט נישט ארויף בלויז אויף די חנוכה ליכט, נאר די גמרא גייט ארויף אויך אויף שבת ליכט, און אזוי איז רש"י מפרש (דארט אין די גמרא), "כִּי נֵר מִצְוָה וְתוֹרָה אוֹר" (משלי ו, כג) – אז דורך דער נר מצוה פון שבת און חנוכה, וועט קומען די ליכטיגקייט פון די תורה. און לויט די ווערטער פון די מפרשים, קומט אויס אז אט דעם הייליגן שבת פון חנוכה איז טאפלט פאסיג זוכה צו זיין צו דעם ליכטיגקייט פון די תורה און צו דעם וואונדערליכן סגולה פון 'הויין ליה בנים תלמידי חכמים', וויבאלד לכבוד דעם שבת זענען מיר דאך מהדר און מיר צינדןביידע סארטן ליכט אויפן שענסטן פארנעם, סיי די חנוכה ליכט און סיי די שבת ליכט.

אויך איז באוואוסט אז אט די שבת איז ספעציעל מסוגל צו בעטן אויף קינדער תלמידי חכמים, וויבאלד ביי דעם שבת צינדן אויך דער מאן און אויך די פרוי, דעריבער בשעת זיי צינדן די ליכט, זאלן ביידע פון זיי מתפלל זיין, סיי דער מאן און סיי די פרוי, בבחינת "זה עומד ומתפלל בזוית זו, וזו עומדת ומתפללת בזוית זו", אזוי ווי עס שטייט ביי יצחק אבינו, אז יצחק איז געשטאנען אין איין ווינקל אין מתפלל געווען, און רבקה איז געשטאנען אין אן אנדער ווינקל און מתפלל געווען, און דעמאלטס וועט דער אויבערשטער זיכער אננעמען זייער תפילה, בבחינת "וַיֵּעָתֶר לוֹ ה'".

און אגב קענען מיר צולייגן, אז כדי די סגולה פון די ליכט זאל זיין בשלימות און אויפטון דאס געוואונטשענע תועלת, איז נישט גענוג אז מען זאל מהדר זיין ביי די ליכט זעלבסט און זען אז זיי זאלן זיין די שענסטע מעגליך, נאר אויך דער וועג וויאזוי מען צינדט עס אן זאל זיין מיט הידור און שלימות, דאס הייסט אז מען זאל אנצינדן די ליכט בשמחה און מיט התרוממות הנפש, מיט ליבשאפט צו די מצוות און נישט אזוי ווי עפעס וואס מען טוט פון געוואוינהייט, אזוי ווי דער הייליגער 'מאירי' שרייבט אינעם זעלבן סוגיא (שבת כג:), אז "הרגיל בנר חנוכה", דאס מיינט, אז ווער עס איז געוואוינט אנצוצינדן די חנוכה ליכט, מיט א שטייגער פון ליבשאפט צו די מצוה און א התעוררות – וועט ער האבן קינדער תלמידי חכמים, כדי עס זאל מקוים ווערן ביי אים דער פסוק "כִּי נֵר מִצְוָה וְתוֹרָה אוֹר".

זאל דער אויבערשטער העלפן, אז אין זכות פון די ליכט פון שבת און פון חנוכה, צוזאמען מיטן יגיעה און עמל התורה אין אט די הייליגע זמנים, זאלן מיר זוכה זיין אז עס וועלן געעפנט ווערן פאר אונז די טויערן פון ליכטיגקייט, און די טויערן פון חכמה, בינה ודעת, אז מיר זאלן פארשטיין און קלוג ווערן מיט די טיפענישן פון לימוד התורה הקדושה, און מיר זאלן משיג זיין דורך איר השגות און פארשטיין שמועות, אזוי ווי דער לשון פונעם הייליגן 'בני יששכר' אין זיין תפילה וואס מען זאגט פארן אנצינדן די חנוכה ליכט: "וְלֹא יָמוּשׁ הַתּוֹרָה מִפִּינוּ וּמִפִּי זַרְעֵנוּ וּמִפִּי זֶרַע זַרְעֵנוּ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם, וְנִזְכֶּה לְבָנִים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

## טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

## די אשה וואס האט אביל געוואן א אידישע נשמה

א שיינע השגחה פרטית וואס מורינו שליט"א האט דערציילט:

אין איינער פון די פארטאגס'ן האב איך באגעגנט איינס פון די חשוב'ע ראשי הישיבה דא אין די שטאט. דער ראש הישיבה האט מיר דערציילט אז מיט א שטיק צייט צוריק איז ער געווען א באזוך ביי הגרי"ש אלישיב זצ"ל און אים געפרעגט: וויאזוי קענסטו פסק'נען אזוי שנעל שאלות אין הלכה, צומאל איז עס שאלות וואס זענען נוגע צו דיני נפשות?

האט הגרי"ש געענטפערט אז עס איז געווען ביי אים א בחור וואס מען האט אים ארויסגעווארפן פון ישיבה און זיך באקלאגט אז ער האט נישט וואו צו לערנען. הערנדיג דאס האב איך אנגעקלינגען דעם ראש הישיבה און אים געבעטן אז ער זאל געבן פאר'ן בחור נאך א שאנס און אים צוריקנעמען אין ישיבה.

דער ראש הישיבה האט מסכים געווען. דער בחור האט זיך צוריקגעכאפט און היינט איז ער איינער פון די גדולי הדור.

האט הגרי"ש זיך אויסגעדרייט צו דער ראש הישיבה און אים געפרעגט:

"דו פרעגסט פון וואו איך פסק'ען די שאלות. מיינע הכרעות קומען צוגיין פון די ספרי קודש, אבער פון וואו נעמען די ראשי הישיבות די שטארקקייט צו פסק'נען זאכן וואס זענען נוגע דיני נפשות"?

מיט דעם האט זיך געענדיגט דער שמועס.

האט מורינו שליט"א געזאגט אז ער האט געוואוסט אז די מעשה וועט אים צוניץ געקומען און עס אוועקגעלייגט ביי אים, אבער ער האט נישט געוואוסט אז עס וועט נעמען אזוי שנעל, ביז ווען ער וועט עס קענען נוצן.

פון יענע מעשה איז אריבער געציילטע שעה'ן און עס איז ארויפגעקומען צו מיר אין שטוב א בחור און זיך באקלאגט אז מען האט אים יעצט ארויסגעווארפן פון ישיבה און דער ראש הישיבה וויל אים נישט צוריקנעמען אין די ישיבה.

אויפ'ן ארט האב איך אנגעקלינגען דעם ראש הישיבה, און נאך איידער איך האב אנגעהויבן רעדן מיט אים איבער די בחור האב איך אים געזאגט אז איך וויל אים דערציילן א מעשה, און אים דערציילט די מעשה.

הערנדיג די ערציילונג האט דער משגיח מסכים געווען צוריקצונעמען דעם בחור אין די ישיבה.

נאר נאך דעם וואס איך האב געענדיגט דערציילן די מעשה, האב איך פארשטאנען אז מען האט פון הימל אזוי געפירט אז איך זאל הערן די מעשה, אז איך זאל עס קענען נוצן און צוריקברענגען א אידישע נשמה צו זיין ישיבה.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: מורינו הרב שליט"א]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# הֱוֵי דָן אֶת כָּל הָאָדָם לְכַף זְכוּת

"אֵלֶּה תֹּלְדוֹת יַעֲקֹב, יוֹסֵף בֶּן שְׁבַע עֶשְׂרֵה שָׁנָה הָיָה רֹעֶה אֶת אֶחָיו וגו', וַיָּבֵא יוֹסֵף אֶת דִּבָּתָם רָעָה אֶל אֲבִיהֶם. וַיֹּאמֶר יִשְׂרָאֵל אֶל יוֹסֵף וגו' לֶךְ נָא רְאֵה אֶת שְׁלוֹם אַחֶיךָ וגו'" לז, ב-יד

ערקלערט דער הייליגער "תפארת שלמה" (און ענדליך דערצו, שטייט אין ספר "קול שמחה" פונעם רבי'ן ר' בונם זי"ע), אז דער פסוק לערנט אונז דא אויס, דעם געוואלדיגן פליכט פון מלמד-זכות זיין א איד, אז מען דארף שטארק אכטונג געבן אז מען זאל חלילה נישט דן זיין א חבר לכף חוב, נאר מען זאל אלעמאל קוקן אויף די מעלה פון אן אנדערן איד, און מען זאל זיך פארהוילן פון זיין חסרון. און דאס איז פשט אין די ווערטער וואס דוד המלך ע"ה זאגט אין תהלים (לד, יג): "מִי הָאִישׁ הֶחָפֵץ חַיִּים אֹהֵב יָמִים לִרְאוֹת טוֹב", ווער ער איז דער מענטש וואס וויל לעבן, און ער קוקט אלעמאל ווענלדיג זען בלויז דאס גוטס פון זיין חבר, דאס איז דער וואס "נְצֹר לְשׁוֹנְךָ מֵרָע" (שם פסוק יד), ער געבט אכטונג אויף זיין צונג, נישט צו רעדן שלעכטס און אים נישט דן זיין חלילה צום שלעכטן. און דורכדעם וועט מקוים ווערן דאס וואס עס שטייט ווייטער (שם פסוק טו): "סוּר מֵרָע וַעֲשֵׂה טוֹב", קער זיך אוועק פון שלעכטס און טו גוטס, ווייל ווען א מענטש רעדט ארויס שלעכטס אויף זיין חבר, איז ער גורם שלעכטס פאר זיך אליין, אז ער זאל חלילה ארייניפאלן אינעם נעץ פונעם יצר הרע.

און דעריבער האט יעקב אבינו געשיקט יוסף, אז ער זאל זען "אֶת שְׁלוֹם אַחֶיךָ" – א לשון פון שלימות, דאס הייסט אז ער זאל זוכן און טרעפן אין זיי דאס שלימות און גוטס, און זיי דן זיין לכף זכות און נישט זען זייער חסרון. – "וַהֲשִׁבֵנִי דָּבָר", דאס איז א לשון פון תשובה, אז ער זאל תשובה טון אויף דעם וואס ער האט גערעדט שלעכטס צו אים אויף זיי, און פון יעצט און ווייטער זאל ער זען בלויז גוטס אויף אידישע קינדער.

->•<-

די פאלגנדע מעשה פונעם הייליגן בעל שם טוב זי"ע, ווערט געברענגט אין אסאך הייליגע ספרים, און איך וועל עס דערציילן פאר אייך אזוי ווי עס ווערט געברענגט דורך הרה"ק רבי יצחק אייזיק מקאמארנא זצוק"ל, אין זיין ספר "אוצר החיים" (פר' קדושים דף קע"א ע"ג), און אין זיין ספר "נוצר חסד" (פ"ד משנה ח), אין נאמען פון זיין שווער הרה"ק רבי אברהם מרדכי מפינטשוב זצוק"ל. – אויך ווערט עס אזוי געברענגט אינעם ספר "בעל שם טוב על התורה" (פר' משפטים אות ז).

איינמאל, אינעם הייליגן טאג פון ראש השנה, ווען די הייליגע חבריא פון די תלמידים פונעם הייליגן בעל שם טוב, האבן זיך געפינען ביי אים אין בית המדרש אינמיטן דאווענען, איז פלוצלונג אראפגעפאלן דעם טאביק-פושקע פון איינער פון די תלמידים. דער תלמיד האט זיך אראפגעבויגן און עס אויפגעהויבן פון דער ערד, אביסל געשמעקט דערפון, דערנאך האט ער עס צוריקגעלייגט אויפן טיש, און ווייטער געדאוונט.

זיין חבר, וועלכער איז געשטאנען נעבן אים, האט דאס אלעס צוגעזען און האט זיך זייער שטארק געוואונדערט, טראכטנדיג אז עס פאסט נישט אזוי מזלזל צו זיין אינעם דאווענען, ווייל שטייענדיג פארן קעניג פון דער וועלט, אום ראש השנה וואס דאס איז דער צייט ווען מען באקרוינט אים, פארלאזט מען נישט דעם קעניג צוליב א שנופקעלע טאביק... דאס איז דאך ממש א 'חילול השם'! – אזוי האט דער חבר געטראכט צו זיך.

אט די געדאנקען זענען ארויפגעגאנגען ביז צום כסא הכבוד, און דער 'לימוד חובה' וואס דער תלמיד האט דן געווען זיין חבר, איז געקומען פאר די הייליגע פמליא אינעם בית דין של מעלה, אינעם גרויסן און פארכטיגן יום הדין. – און דער פסק איז ארויסגעגאנגען אויבן, אז דער תלמיד וועלכער האט גורם געווען חילול השם ביים דאווענען, זאל נישט אויסלעבן דעם יאר, און ער איז גלייך פאר'משפט געווארן צו שטארבן אינעם זעלבן יאר, רחמנא ליצלן.

דער הייליגער בעל שם טוב, האט דאס אלעס געזען ברוח הקודש ווי זיין שטייגער, וויסנדיג אלעס וואס עס ווערט געטון אויבן און אונטן, און ווען זיין נשמה איז ארויפגעגאנגען אויבן אינעם זעלבן ראש השנה, האט ער שטארק געבעטן פאר יענעם תלמיד, אז זיין לעבן זאל גערעטעוועט ווערן, און ער האט גע'טענה'ט אסאך טענות אים צו בארעכטיגן, עס האט אבער גארנישט געהאלפן, וויבאלד עס איז געווען אויף אים א קטרוג פון חילול השם וואס דאס איז הארבער פון אלעס, און עס ווערט נישט פארגעבן אום יום כיפור נאר צוזאמען מיט מיתה, אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין די סוגיא פון ארבעה חילוקי כפרה (יומא פו.).

אין די נאכט פון הושענא רבה פונעם זעלבן יאר, איז דער בעל שם טוב נאכאמאל ארויפגעגאנגען אויבן מיט עליית נשמה, און ער האט זיך ווייטער געבעטן ביים אויבערשטן, טענה'נדיג און שרייענדיג פארן לעבן פון זיין תלמיד, און ער האט דעמאלטס גע'פועל'ט מיט זיין תפילה, אז אויב דער חבר וואס האט מקטרג געווען אויף אים דורך זיין מחשבה, וועט אליין טרעפן א לימוד זכות פאר אים, און פארעכטן דאס וואס ער האט קאליע געמאכט דורך זיין געדאנק, און ער וועט ארויסנעמען דעם חילול השם פון זיין הארץ, דעמאלטס וועט דער תלמיד פטור ווערן פונעם שרעקליכן שטראף, און ער וועט בלייבן לעבן און פארשריבן ווערן לחיים טובים.

אינמיטן נאכט איז דער הייליגער בעל שם טוב אריינגעגאנגען אין זיין בית המדרש, און ער האט געפינען דעם תלמיד וועלכער האט מקטרג געווען, ווי ער איז עוסק בדחילו ורחימו אינעם תיקון פון ליל הושענא רבה, לייענדיג דעם 'משנה תורה' מיט מוחין דגדלות. האט דער בעל שם טוב הקדוש צוגענומען פון אים זיין 'מוחין', און פלוצלונג האט דער תלמיד געפילט א שטארקן מידקייט, און ווי עס פעלט אים חשק און באגער, און ער האט נישט געקענט זאגן דעם תיקון בדביקות אזוי ווי עס דארף צו זיין. איז ער אויפגעשטאנען פון פלאץ, און האט אנגעהויבן גיין אהין און אהער צו די לענג און ברייט פונעם בית המדרש, ווענלדיג צוריקברענגען דאס 'גדלות' וואס ער האט פריער געהאט, און ער האט פראבירט טראכטן איבערן דערהויבנקייט פונעם אויבערשטן און איבערן גרויסקייט פונעם טאג.

אזוי גייענדיג אהין און אהער, האט ער גענומען צווישן זיינע פינגער א שנופקעלע טאביק כנהוג. דער גערוך האט אים זייער גוט געשמעקט, און האט אים אביסל צוריקגעקערט די 'מוחין'. אזוי גייענדיג מיט די טאביק צווישן זיינע פינגער, האט ער אנגעהויבן טראכטן איבערן נייעם ערפינדונג אין די לעצטיגע דורות, אז עס זענען אנטפלעקט געווארן די ספעציעלע טאביק-גראזן וואס מען קען מאכן פון זיי שטויב צום שמעקן. און אזוי איז אים איינגעפאלן א געדאנק, אז ווי עס זעט אויס טוט מען פון הימל דערנענטערן דערמיט דעם תיקון פון דער וועלט, וויבאלד עס זענען דא טייערע הויכע און איידעלע נשמות, וועלכע קענען נישט מתלבש זיין אין גשמיות'דיגע עסן, און דעריבער ווערט דער תיקון פון זייערע ניצוצות געטון דורך א געהויבענע און איידעלע זאך ווי דער חוש הריח, ווייל ווען הייליגע אידישע קינדער געניסן פונעם ריח, האבן די ניצוצות אן עליה און א תיקון, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ויקרא א, ט) "אִשֵּׁה רֵיחַ נִיחוֹחַ לַה'"! [אזוי אויך פלעגן די צדיקים זיך באניצן מיט אט די טאביק, עס צו שמעקן און צו רייכערן, אינזינען האבנדיג דערביי גאר געהויבענע יחודים, און אינדערצייט וואס זיי האבן עס געשמעקט אדער גערייכערט האבן זיך אינזינען געהאט גאר וואונדערליכע יחודים, מאכנדיג דערביי א געוואלדיגע נחת רוח פארן אויבערשטן, רֵיחַ נִיחוֹחַ לַה'].

ווי דער שטייגער פון מחשבות, וועלכע גייען און דרייען זיך און באהעפטן זיך פון איין געדאנק און נאך א געדאנק, האט ער זיך פלוצלונג דערמאנט, טראכטנדיג איבער די טאביק, איבער זיין חבר, וועלכער האט אויפגעהויבן דעם טאביק-פושקעלע אינמיטן דאווענען אום ראש השנה, וואס ער האט דעמאלטס געהאט תרעומות אויף אים צוליב דעם וואס דאס טראגט מיט זיך א חילול השם. אבער יעצט, האבן זיך ערוועקט אין אים חרטה געפילן, און געדאנקען פון לימוד זכות האבן אים באהערשט, אז אוודאי האט מען פון הימל צוגעשיקט דעם געשעעניש צו זיין חבר אינמיטן דעם געהויבענעם דאווענען פון ראש השנה! און ווער ווייסט וואספארא הויכע און טייערע נשמה ער האט זוכה געווען צו מעלה זיין און מתקן זיין דורך דער יחוד וואס ער האט אינזינען געהאט ביים שמעקן די טאביק...

הושענא רבה נאכן דאווענען, פלעגט דער הייליגער בעל שם טוב ענטפערן אויף די פילע שאלות וואס מען האט אים געפרעגט איבער דאס וואס איז נגזר געווארן למעלה ולמטה, און איבער וואס עס פאסירן איבער די גאנצע וועלט, וויבאלד ער האט מיט זיין רוח הקודש געקענט זען פון איין עק וועלט ביזן אנדערן עק וועלט. אין דעם טאג פלעגט דער הייליגער בעל שם טוב זיין זייער פרייליך, און יעדער איינער פון די תלמידים פלעגט זיך אנגרייטן עפעס א שאלה וואס האט אים געדרוקט דורכן יאר, סיי אין דרוש אדער אין גמרא און פוסקים, צי אין אנדערע ענינים, און דער הייליגער בעל שם טוב האט יעדן איינעם געענטפערט.

און דא איז צוגעקומען אט דער תלמיד – וועלכער איז נאך ארומגעגאנגען מיט זיינע מחשבות איבער דעם געוואלדיגן אויפטו פון טאביק... וואס עס איז געקומען צו אים אינמיטן נאכט. דער תלמיד האט פארגעלייגט זיין שאלה פארן הייליגן בעל שם טוב, ווי פאלגנד: פארוואס זענען די טאביק-בלעטער נאר אנטפלעקט געווארן אין די לעצטע דורות? האט דער הייליגער בעל שם טוב געזאגט צו אים: נו!


| המשך אין עמוד ד' |<

אדרבה, זאג דו! האט דער תלמיד איבערגעגעבן דעם חידוש וואס איז אים איינגעפאלן אין דעם נאכט, איבערן טעם דערפון. הערנדיג זיינע רייד, האט דער הייליגער בעל שם טוב זייער הנאה געהאט, און ער האט אים געפרעגט ווי בדרך־אגב: נו, און וואס נאך האסטו געטראכט איבער דעם ענין? אלס ענטפער, האט דער תלמיד אליין אנגעהויבן דערציילן, די גאנצע מעשה מיטן טאביק וואס איז פארגעקומען אום ראש השנה... אז עס האט אים געשטערט אז זיין חבר האט אויפגעהויבן די טאביק אינמיטן דאווענען, אבער יעצט האט ער געטראכט, אז מעגליך איז דאס געשיקט געווארן צו אים פון הימל!

הערנדיג זיינע רייד, האט דער הייליגער בעל שם טוב אנגעהויבן שמייכלען און האט זיך זייער שטארק געפריידט, און ער האט דערציילט פארן תלמיד דאס וואס איז פארגעקומען אויבן אין הימל דורך זיין שלעכטע מחשבה וואס ער האט געטראכט אום ראש השנה, און דערמיט האט ער מעורר געווען א שווערן קטרוג אויף זיין חבר, אבער יעצט אום הושענא רבה ווען ער האט מלמד זכות געווען אויף אים, איז דער קטרוג בטל געווארן, און די לעבן פון זיין חבר איז געראטעוועט געווארן.

"פון יעצט און ווייטער", האט אים דער הייליגער בעל שם טוב אנגעזאגט, "זאלסטו אלעמאל אכטונג געבן צו דן זיין יעדן איינעם לכף זכות, איבערהויפט א תלמיד חכם און ערליכער איד, כדי נישט צו ערוועקן דינים חלילה, נאר אלעמאל צו טראכטן גוט.

[מתוך קובץ "שיחות כלליות" עמ' צ"ה]

->•<-




עס האבן מיר דערציילט די קינדער פון מיין מחותן, מוהר"ר פסח קרישבסקי שליט"א, א שיינע מעשה וואס האט פאסירט מיט זייער טאטע.

ווי באוואוסט איז רבי פסח שליט"א עוסק אין די מצוה פון משמח זיין חתן וכלה מיט פויק און טענץ, צום געוואלדיגן שמחה און פארגעניגן פון די טייערע און איידעלע בני ירושלים.

עס איז געווען א בחור, וועלכער האט ספעציעל הנאה געהאט מיטצוהאלטן דאס זינגען פון רבי פסח! אין יעדן געלעגנהייט ווען ער האט אים באגעגנט ביים זינגען, צי עס איז געווען ביי א חתונה, ביי א שמחת בית השואבה אדער ביי אן אנדער ערשיינונג, פלעגט ער אלעמאל בלייבן שטיין ווי צוגענאגלט צו זיין ארט, און זיין געזיכט האט געשיינט פון גליק, הערנדיג דעם ערליכן קלאנג וואס קומט ארויס פון די פארשידענע איידעלע פויקן. – רבי פסח און זיינע קינדער האבן שוין גוט געקענט דעם בחור, וועלכער פלעגט זיי באגלייטן ביי אסאך שמחות, גייענדיג און קומענדיג צו דערפרייען אידישע הערצער אין א צייט פון שמחה של מצוה.

ויהי היום, און אט איז אין א מזל'דיגע שעה געקומען דער צייט פון דעם בחור, אז ער זאל אויפשטעלן א אידישע שטוב, אבער צוליב עפעס א סיבה איז רבי פסח נישט געלאדנט געווארן צו פויקן, נאר מען האט האט געטראפן א צווייטער וועלכער זאל דארט משמח זיין ביי די חתונה.

א שטיק צייט נאך די חתונה, האט דער נייער יונגערמאן באגעגנט זיין גוטער פריינט, איינער פון די קינדער פון רבי פסח, וועלכער האט גלייך געשטעלט די פראגע וואס האט אים אזוי געדרוקט – וויאזוי קען זיין אז דו האסט נישט גענומען מיין טאטע, אז ער זאל קומען פויקן ביי דיין חתונה? דו פלעגסט דאך אלעמאל זאגן, אז ער מאכט די בעסטע ארבעט!

"וואס זאל מען טון"? האט דער בחור געענטפערט מיט באדויער, ער איז דאך געווען פארנומען יענער נאכט!

עטליכע טעג שפעטער, ווען דער זון האט באזוכט ביי ר' פסח, האט ער אלס נייגעריגקייט נאכגעקוקט אין זיין טאטנ'ס העפט, און זיך געוואונדערט צו זען, אז פונקט אינעם נאכט ווען אט דער בחור האט חתונה געהאט, איז זיין טאטע געווען ליידיג, און ער האט נישט געהאט קיין שום באשטעלונג אין דעם טאג...

ווען ער האט נאכאמאל באגעגנט זיין חבר, האט ער אים דערציילט אז ער האט געקוקט אין זיין טאטע'ס העפט, און יענער נאכט איז בכלל נישט געווען פארנומען! האט דער בחור: דו קענסט מיר גלייבן! איך האב געגעבן פאר מיין מאמע דעם טעלעפאן־נומער פון דיין טאטע, כדי זי זאל אפרעדן מיט אים אז ער זאל קומען פויקן ביי מיין חתונה, און זי האט מיר געזאגט אז ער איז פשוט פארנומען! – דעריבער האב איך באשטעלט אן אנדערן פויקער. און אויב גלייבסטו מיר נישט, וועל איך דיר דאס אויפווייזן. ער האט גלייך געקלינגען צו זיין מאמע, און איר געפרעגט: מיין טייערע מאמע, צי געדענקסטו אז איך האב דיר געבעטן אז דו זאלסט רופן 'פסח קרישבסקי' צו קומען פויקן ביי מיין חתונה, און דו האסט מיר געזאגט אז ער איז פארנומען?

אזוי איז טאקע געווען – האט די מאמע באשטעטיגט. ווען איך האב אים יענעם טאג געקלינגען, איז זיין **טעלעפאן** געווען פארנומען, און דעריבער האב איך אים נישט געקענט באשטעלן...

פון די מעשה לערנען מיר זיך, אז מען זאל זיך נישט איילן דן צו זיין אן אנדערן לויט וואס מיר זעען פאר אונזערע אויגן. – צומאל איז די טעות מיט א קלייניגקייט, וואס איז אונז בכלל נישט איינגעפאלן. אזוי ווי אט דעם פאל, וואס דער בחור האט פארשטאנען אז זיין מאמע האט שוין גערעדט מיט רבי פסח און ער איז פארנומען יענעם נאכט, ווען אייגנטליך האט זי נאר געמיינט צו זאגן אז זיין **טעלעפאן** איז געווען פארנומען...

[מתוך שיחה פרטית י"ג אדר א' תשע"א]

על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל מייער נלבע י"ג אלול תשפ"ב תנצב"ה

יוסף בן טילה רחא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצב"ה

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב"ה

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פן

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173